# חסידי ואוהדי בית ליסקא אין טאמס ריווער, גרייטן זיך נאכאמאל צו ענטפאנגען כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א לכבוד חמשה עשר בשבט

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פריילעכע בשורה, אז כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א, וועט אי"ה היי יאהר נאך אמאל קומען אויף א באזוך קיין טאמס ריווער אין ניו דזשערזי, און דארט אפרעכטן די טיש לכבוד חמשה עשר בשבט.

דער ליסקע'ר רבי שליט"א על ישראל הדרתו אין שטאט בארא פארק, האט געפראוועט די ערשטע "חסידישע טיש" און די שטוב פון הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאל הי"ו פאריאהר מיט די השתתפות פון אנגעזענע רבנים, ראשי ישיבות, און ראשי הקהילה.

די קהילה קוקט אריוס אוןווארט, זיך נאכאמאל צי ווייקען און פארברענגען בצל כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א און דעם מסוגלדיגען טאג באקאנט אלץ ראש השנה לאלינות ביים רבינ'ס טיש וועלעכע וועט פארקומען זונטאג אווענט אור ליום חמשה עשר בשבט און שטוב פון הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאל הי"ו S Thu Ct, Toms River, 2198 NJ 08755

וואו באַוואוסט, דער ליסקע'ר רבי שליט"א, א תלמיד פון הגאון הגדול רבי משה פיינשטיין זצוק"ל ציט זיין יחוס צי די מייסדי חסידות ליסקא, דער פועל ישועות הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא בעל ה"אך פרי תבואה", הגה"ק בעל "טל חיים", און הגה"ק בעל "שערי הישר" זי"ע. דער רבי איז ברייט באקאנט מיט זיין כח התורה און כח ההשפעה מיט די געוואלדיגע התחזקות וואס ער לייגט אריין אין די בני הקהילה און די מעריצים לבית ליסקא. שוין באלד פופציג יאר כולן שוין לטובה וואס ער דינט אלס מנהיג און ממשיך פון די שלשלת הזהב לבית ליסקא.

דער רבי שליט"א וועט אנקומען זונטאג פרשת יתרו נאכמיטאג, און וועט דאווענען מעריב אום 7:00 אין שטוב פון די אכסניא ביי הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאל הי"ו, און דערנאך וועט דער רבי שליט"א אפרעכטן די טיש דארט אין די אכסניא, מיט די באטייליגונג פון פילע חסידים ואנשי מעשה.

די באזוך אנטשפרעכט צו זיין א ריכטיגע כבוד התורה, און הרמת קרן התורה והחסידות.

# הילולת מרן הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע געפראוועט בקרב ק"ק סאטמאר-בני ברק מיט גרויס געהויבנקייט

בני ברק — מיט א רגש עילאה איז געפראוועט געווארן די סעודת הילולא פון מרן הגה"ק בעל עצי חיים מסיגוט זי"ע, צווישן די פילצאליגע סאטמארער חסידים אין בני ברק, וועלכע האבן זיך פארזאמלט פארלאפענעם מוצאי שבת אויף א סעודת הילולא און מעלה געווען זכרון בקודש פונעם בעל הילולא זי"ע שטייענדיג במוצאי ההילולא וואס איז געפאלן בעצם יום השב"ק, ו' שבט.

די שיינע און געהויבענע סעודת הילולא וסעודת מלוה מלכה איז אפגעראכטן געווארן אינעם זאל פון "שמח תשמח" מיט די באטייליגונג פון א ערליכן ציבור זקנים עם נערים, אין שפיץ פון די רבני הקהילה שליט"א.

במשך די סעודה האט מען געהערט א דרשת התחזקות בעניני תפילה מפי הרה"ג דומ"ץ הקהלה שליט"א, וועלכער האט געהאלטן געשפאנט דעם ציבור א לענגערע ווייַלע מיט זיינע ווערעמע דיבורים וואס איז געווען מתובל במשנתו פונעם בעל הילולא זי"ע.

דער הויכפונקט איז געווען, די ערליכע דרשת "נואם הכבוד", פון דער חשוב'ער גאסט מקרתא דשופריא הרה"ג רבי ליפא טייטלבוים שליט"א נכד כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א ורא"כ "לב אהרן" בק"ק סאטמאר-ירושלים, וועלכער האט משמיע געווען געהויבענע סיפורים ועובדות פון זקינו הק' בעל הילולא זי"ע.

רבי ליפא שליט"א איז מכובד געווארן מיט ברהמ"ז, און דער ציבור איז זיך דאן צוגאנגען מיט געהויבענע געמיטער נאכ'ן מיטהאלטן די געהויבענע התאספות לעורר שפתי ישנים פונעם בעל הילולא זי"ע, זיך וואונטשענדיג איינער דעם צווייטן צו "האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס".

זכותו הגדול יגן עלינו

# אינטערעסאנטער באריכט איבער וואקסנדע "האום-סקולינג" ציפערן אין ניו יארק און ניו דזשורזי

אראנדזש קאונטי — עס איז נישט קיין סוד אז דער פובליק-שולע סיסטעם איז פול מיט פראבלעמען, ווי ס'איז שוין מערערע מאל קלאר איבערגעוויזן געווארן אפילו אינערהאלב די רעגירונג ראנגען, און איבערהויפט דורך די אומצופרידענע עלטערן וועלכע ביטערן אויף דעם פאקט אז זייערע קינדער גראדואירן פון די שולע-יארן מיט גאר שוואכע ערפאלגן.

א לעצטיגע סטאטיסטיק פארציילט אז פופציג פראצענט סטודענטן גייען ארויס אומסוקסעספול מיט חשבון און ענגליש! וואס איז היסטאריש-נידריג. אין דער זעלבער צייט זענען וויסטע עלעמענטן פארנומען מיט'ן העצן און פארפירן אז דער ערליכער חינוך הטהור דארף זיין איינִיג מיט'ן פובליק סקול סיסטעם...

אין א פרישע איבערצייגונג איבער די פובליק סקול דורכגעפוילקייט, איז פארלאפענע וואך ערשינען אן אינטערעסאנטער באריכט אין די "פאוטא ניוס" צייטונג, א לאקאלע נייעס סטאנציע אין אראנדזש קאונטי ראיאן, וואס באהאנדלט די טעמע פון "האום-סקולינג", וואס איז אן אלטערנאטיווע ערציאונג סיסטעם פאר עלטערן וואס ווילן נישט שיקן זייערע קינדער אין פובליק-שולע, און אנשטאט לערנען זיי די געזעצליך-פארלאנגטע לימודים אינדערהיים.

דער באריכט ציטירט פון לאקאלע עלטערן פון ניו יארק און ניו דזשורזי וועלכע האבן אויסגעקליבן האום-סקולינג אנשטאט פובליק-שולע, מיטטיילנדיג פון זייער פערספעקטיוו וואס עס האט זיי געברענגט אוועקצוגיין פון פובליק שולע.

איין מאמע פארציילט ווי איר טאכטער האט זיך געספראוועט ביז די דריטע קלאס און נישט געזען קיין שום ערפאלג אין פובליק-שולע, ביז זי האט באשלאסן אז ס'איז גענוג געווען, און אנגעהויבן לערנען מיט איר אינדערהיים. זי שילדערט ווי די פראבלעמאטישע שולע סיסטעם האט ממש רואינירט די גאנצע שטוב, עס האט געברענגט אומפארשטענדעניש צווישן איר מיט די טאכטער, און די רואיגע פאמיליע לעבן איז געווען אויפ'ן שוועל פון צוזאמענבראך.

וויפיל זי האט געוויינט צו די שולע פירער אז איר טאכטער באדארף מעגליך עקסטערע הילף, זענען אירע ביטעס געפאלן אויף טויבע אויערן. אן א "מעדיקעל דיאגנאז" האט די סקול דיסטריקט גארנישט געוואלט שענקען.

ענדגילטיג האט זי איר גענומען צו א ניוראלאדזשיסט וועלכע האט דיאגנאזירט דאס קינד מיט ע.די.עיטש.די. וואס איז נישט ריכטיג געווען. דער אמת'ער פראבלעם איז געווען די שולע, עפעס איז דארט נישט ריכטיג וואס האט געברענגט דעם פראבלעם, און דאס איז דער מאטיוו וואס טרייבט מער און מער עלטערן צו אדאפטירן "האום-סקולינג", מ'איז אנטוישט און אומצופרידן מיט פובליק שולע.

אנדערע עלטערן האבן געפרעגט צי זי שפירט גענוג זיכער צו לאזן דאס מיידל צווישן די פיר-ווענט אינדערהיים. איר ענטפער איז: מער זיכער ווי די שולע-ווענט...

דער באריכט ציטירט פון א מאמע אין ניו דזשורזי וועלכע שענקט האום-סקולינג עדיוקעישאן פאר אירע קינדער, אז דאס איז א וואקסנדע אויפוואכונג צווישן עלטערן. די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט קען נישט וויסן די פונקטליכע ציפערן פון האום-סקולינג פאמיליעס, אבער ס'איז קלאר איבערצייגט אז די ציפערן שטייגן ווי קיינמאל פריער. ווען זי האט אנגעהויבן מיט האום-סקולינג און זי איז געווארן מער באקאנט דערמיט, איז זי ערשטוינט געווארן איבער די אומגלויבליכע פאפולאריטעט פון האום-סקולינג פאמיליעס, וואס באשטייט שוין היינט פון גאנצע גרופעס.

אין ניו דזשורזי איז פיל לייכטער צו גיין מיט האום-סקולינג ווי אין ניו יארק. די ניו דזשורזי רעגירונג טוט נישט רעגולירן אדער אויטאריזירן האום-סקולינג פראגראמען. די סטעיט טוט אויך נישט נאכפאלגן אדער קאלעקטירן סיי וועלכע דאטא פון די ציפערן פון האום-סקולינג סטודענטן. אנדערש איז אבער אין ניו יארק און פענסילוועניע וואס האט געצוימטע רעגולאציעס איבער האום-סקולינג.

בקרוב ממש
אי"ה ביי אייך
די ריכטיגע השתדלות צו אייער באשערטע
ציבור'ס פלאטפארמע, מיט נייעס, באריכטן, דעבאטעס, איבער די שידוכים לעזונג

## וואס וועלן די חבר'טעס יעצט זאגן?!

צו די קאלום "בקרוב ממש".

**אלס איינער וואס האט אסאך מיטגעמאכט מיט שידוכים אויף די אייגענע הויט, וויל איך אייך באדאנקען פאר דעם ערליכן קאלום וואס איר שטעלט אהער וועכנטליך, אז מענטשן זאלן זיך אביסל אויפוועקן, און אנהייבן צו טוען עפעס פאר די 'שידוכים קריזיס' וועלכע איז באמת א שרעקליכע קריזיס, אבער די גרעסטע קריזיס איז אז מען טוט נישט גענוג צו לעזן דעם קריזיס.**

**איר האט געהאט געשריבן אין איינע פון אייערע ארטיקלען איבער דעם אז צומאל איז דא אין די משפחה געוויסע וואס האלטן אפ א שידוך צוליב אייגענע נארישע אינטערעסן, און עס איז א גרויס הארץ-ווייטאג.**

**וויל איך אייך איבערגעבן א מעשה וואס איך האב געליינט באשריבן דורך א פרוי וואס ביי איר האט דאס פאסירט, עס איז זייער א שארפע מעשה, אבער איך האלט אז טאקע דערפאר ווייל ס'איז אזוי שארף מוז עס געדרוקט ווערן, כדי אז מענטשן זאלן זען אז שפילן מיט א שידוך איז נישט קיין קינדער-שפיל, נאר א שפיל מיט פייער, און הלואי וועט דאס אביסל אויפוועקן אידן צו אנהייבן טוען צו דער זאך!**

עס איז געווען א גוטער שידוך פארשלאג וואס מען האט אנגעטראגן פאר א משפחה. די משפחה פון דעם חתן איז געווען זייער א גוטע און געלונגענע משפחה, מיט גוטע מידות און אלעס וואס מען דארף, און עס האט זייער גוט געפּאַרט מיט די משפחה פון דאס מיידל.

יעדער איינער פון אלע פיר עלטערן האבן געהאלטן פון דעם געוואלדיגן שידוך, און מען האט אנגעהויבן צו גיין ווייטער מיט די שידוך. אבער ווי נאר דאס מיידל האט געהערט וועגן דעם שידוך, האט זי באלד געזאגט א קאטאגארישן ניין.

קיינער האט נישט פארשטאנען פארוואס, וואס איז איר פראבלעם מיט דעם שידוך? א ערליכע משפחה, א שיינע שטוב, א געלונגענער בחור, וואס איז זי אזוי שטארק פאר'עקשנ'ט נישט צו גיין ווייטער מיט די שידוך?

ענדליך נאכן שווער ארבעטן, האט מען ארויסגעקוועטשט דעם סוד פון איר. איינע פון די יונגערע קינדער, א געשוויסטער פון דעם חתן, איז געווען א קינד מיט דאון-סינדראם. זי האט בשום אופן נישט געוואלט אריינגיין אין אזא משפחה.

מען האט איר פרובירט מסביר צו זיין אויף אלע וועגן אז עס האט נישט קיין שייכות, דאון-סינדראם קינד איז נישט קיין פעלער, נישט קיין עבירה, נישט קיין עוולה... זי באקומט דאך א בחור וואס זי גייט שווער טרעפן ערגעץ אנדערש.

אבער זי האלט זיך ביי איר'ס, און דאן האט זי פארציילט די עכטע פראבלעם: "וואס גייען מיינע חבר'טעס זאגן ווען זיי וועלן הערן אז איך גיי אריין אין די משפחה וואו ס'איז דא א דאון-סינדראם? זיי וועלן מיר אראפקוקן"...

וואס אראפקוקן, ווען אראפקוקן? הוילע דמיונות און נארישקייטן. אבער, ס'איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. די שידוך איז אראפ פון טיש צו יעדעם'ס ווייטאג, און דאס מיידל האט א האלבע יאר שפעטער חתונה געהאט מיט אן אנדערן בחור, ושלום על ישראל.

און וואס מיינט איר? זי האט ב"ה צום מזל געהאט א קינד, אבער אוי ווי... וואס גייען די חבר'טעס זאגן?!

דאס קינד איז געווען א דאון-סינדראם. אוי אוי.

עס איז נישט צום באגרייפן די צער פון דאס מיידל, און די מעסעדזש איז געווען זייער קלאר פון הימל. כאטש וואס געווענליך איז נסתרים דרכי השם, אבער דא האט דער רבונו של עולם געוויזן קליפ און קלאר, אז יש מנהיג לבירה.

**רבותי, די מעשה איז זייער ווייטאגליך, אבער מען דארף אויפוועקן דעם עולם. טראכט אריין ווען עס קומט צו שידוכים, ווילט איר נעמען די ריזיקע צו מצער זיין אייערע אייגענע קינדער, בלויז ווייל איר זענט אביסל סעלפיש, און עס פאסט אייך נישט צו טוען א ערליכע שידוך ווייל 'וואס גייט מיין שכן זאגן?!**

**לוינט זיך אייך צו שלעפן און מצער זיין די גאנצע משפחה, בלויז וויבאלד איר האלט אז שדכנים 'מיינען זיך', און אז מ'גייט אייך כלומרשט אראפקוקן?! און יעצט אז איר קענט זיך נישט צאמקלויבן און פירט נישט אויס קיין שידוך, קוקט מען אייך ארויף, וואס?!**

**איך בעט אייך טייערע עלטערן, עס ליגט אין דעם באשעפער'ס הענט אויסצופירן דעם שידוך, אבער עס ליגט אין אייער הענט צו טוען השתדלות דערפאר. לאמיר זיך שטארקן, און ברעכן טעלער!!!**

פאר סיי וועלכע קאמענטארן, פראגעס, געדאנקען, עצות, חיזוק, הדרכה וכדומה, קענט איר אריינרופן 'בקרוב', און מיר וועלן בעז"ה אדרעסירן אייער טעמע.
טעלפאון: 845.351.0445 עקסטענשאן 8 | פאקס: 845.470.3092
בליץ-פאסט צו: shdchnm@gmail.com

Sponsored By
SightRite eye care services
267 Broadway Brooklyn, Ny 11211 212-764-0008 x207